**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 01/05/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

# גאווערנער האקול אנאנסירט באגרעניצטע סערוויס צו צוריקגעשטעלט ווערן אום 5:00 נאכמיטאג אויף 1 און 3 ליניעס נאכפאלגנדיג סאָבוועי עקסידענט

## *2 באן וועט פארזעצן צו פארן אויף די 5 ליניע*

## *צוריקשטעלונג פון סערוויס קומט איין טאג נאך עקסידענט*

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט ניו יארק סיטי טראנזיט וועט צוריק ארײנשטעלן באגרעניצטע סאָבוועי סערוויס אויף די 1 און 3 ליניעס צו און פון א צוריק-געעפנטע 96 Street סטאנציע אום 5:00 אזייגער היינט נאכמיטאג. די צוריקשטעלונג פון סערוויס קומט איין טאג נאכדעם וואס פאסאזשירן זענען געענדיגט געווארן צו זיכערערהייט עוואקואירט ווערן פון די באנען וואס זענען ארויסגעפאלן פון די רעלסן. די אינצידענט ביי די 96 Street 1 2 3 סטאנציע האט פארמישט א פאסאנזשיר באן פירנדיג אומגעפער 300 פאסאנזשירן און א וואנדאליזירטע באן וואס איז ארויסגענומען געווארן פון סערוויס ביי אן אנדערע סטאנציע.

"די MTA האט געארבעט ארום דעם זייגער צו זיכערערהייט צוריקשטעלן די וויכטיגע סאָבוועי סערוויס פאר ניו יארקער", **האט גאווערנער האקול געזאגט**. "איך בין דאנקבאר פאר אלע ערשטע הילף מאנשאפטן וואס האבן געקענט עוואקואירן פאסאנזשירן שנעלערהייט נעכטן און פאר די ארבייטער וואס זענען פאר צו זיכער מאכן אז פולשטענדיגע סערוויס ווערט צוריק אנגעהויבן ווי שנעלער מעגליך."

**MTA פארזיצער און CEO, דזשענאָו ליבער, האט געזאגט,** "ניו יארק'ס סאָבוועי סיסטעם איז גאר שטאנדהאפטיג, און איינמאל און נאכמאל האט עס ארויסגעוויזן א מעגליכקייט זיך צוריקצושטעלן שנעלערהייט אויף די פיס. אין די פאל האבן MTA מאנשאפטן געארבעט 24 שעה אין א ציה צו צוריקשטעלן סערוויס, און מיר וועלן ווייטער גיין ביז די פולשטענדיגע סערוויס איז צוריקגעשטעלט."

די 1 און 3 באנען וועלן פארן מיט באגרעניצטע סערוויס אין צוויי חלקים מיט א שאטל באס סערוויס צוגעשטעלט ביי די איוסגעלאזטע סטאנציעס. די 1 באן וועט לויפן אין ביידע ריכטונגען פון די צפון עק ביי Van Cortlandt Park-242 Street ביז 96 Street און פון Times Sq-42 Street ביז South Ferry. די 3 באן וועט לויפן אין ביידע ריכטונגען פון די צפון עק ביי Harlem-148 Street ביז 96 Street און פון Times Sq-42 Street ביז New Lots Av. שאטל באסעס וועלן צושטעלן סערוויס פאר פאסאנזשירן אין ביידע ריכטונגען צווישן 96 Street און Times Sq-42 Street. די 2 באן וועט פארזעצן צו פארן אויף די 5 ליניע. די סערוויס ענדערונגען וועלן בלייבן אין קראפט ביז נאך רעלסן וועלן קענען אפגערייניגט ווערן און ביז סיי וועלכע נויטיגע פאררעכטונגען קענען פארענדיגט ווערן.

אומגעפער 3:00 נאכמיטאג דאנערשטאג, יאנואר 4, האבן צוויי באנען פארנדיג אין די צפון-ריכטונג איבערגעלאזט די 96 Street סטאנציע מיט א נידעריגע שנעלקייט, און דאן האבן זיי זיך אנגעשטויסן

איינע אין די אנדערע, און ביידע זענען ארויסגעפאלן פון די רעלסן. ערנסטע פארוואונדעטע זענען נישט באריכטעט געווארן.

נאכפאלגנדיג די אינצידענט האבן מאנשאפטן געמאכט באדייטנדע פארשריט איבערנאכט און דורכאויס פרייטאג בייטאג צו צוריק ארייננשטעלן דריי וואגאנען וואס זענען אראפגעקומען פון די רעלסן. די באן וואס איז געווען אין סערוויס מיט פאסאנזשירן איז אוועקגענומען געווארן, און מאנשאפטן אדרעסירן יעצט די וואנדאליזירטע באן אן פאסאנזשירן וואס איז אראפגעקומען פון די רעלסן אויף די לאקאלע רעלסן, און זיי פירן דורך אן אינספעקציע פון די ארום און ארום און מאכן סיי וועלכע נויטיגע פאררעכטונגען צו די רעלסן און אינפראסטרוקטור צו קענען צוריק אנהויבן פולשטענדיגע סערוויס אויף די 1 2 3.

די נאציאנאלע טראנספארטאציע זיכערהייט באורד ( National Transportation Safety Board, NTSB) געפונט זיך אויפן סצענע און זייער פארשונג פון די אינצידענט גייט ווייטער אן. פאסאנזשירן ווערן גע'עצה'ט צו קוקן אויף new.mta.info און אויף די MYmta עפ פאר די לעצטע אינפארמאציע איבער די סערוויס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן